[illegible]

رمل

ج ۲

A bisl rekhiles (A little gossip), by Ḥagay (Ḥayim Goldberg).
Warsaw: [s.n.], 1926.
Illustrated by the author.

A Yiddish literary celebrity "roast" for Purim, printed in only 125 copies. Extremely rare.

אבּיסל רכילות

אַפּיסל קנילות

וועגן שרייבער
„קינצלער" און
שימי-טענצער

עקספּראָמט פֿון חגי

וואַרשע · 1926 · פּורים

געדרוקט אַלס מאַנוסקריפּט אין 150 עקזעמפּלאַרן.

י.ל. פּרץ (פֿאַראַפֿקוקנדיק פֿונם אָלימפּ): — וואָס איז עס פֿאַר אַ מין ליטעראַטור?!
שלום-עליכם (קוועטשנדיק): — ניין! דאָס שאַפֿט מען „יידישע קולטור“!…

* *
*

אין צײַטן מָרה-שחורה'דיקע,
אין טרויעריקע מינוטן,
ווען אַלץ אַרום, פֿון קליין ביז גרויס,
ווערט נמאס מיר לחלוטין, —
דאַן גורט איך מײַנע לענדן אָן
און זאָג מײַן ווײַב: „אַ גוטן!“

דאָך איל איך נישט אין חבֿר'ס הויז
צו כאַפּן דאָרט אַ קערטל,
מיך ווילט אויך קיין טעאַטער נישט,
קיין קינא, קיין קאָנצערטל:
דער „שרײַבער-קלוב“ אַליין דאַן איז
פֿאַר מיר דאָס ליבסטע ערטל.

דער „שרײַבער-קלוב“! - איך לעב דאָרט אָפּ,
דאָס האַרץ זיך באָדט אין פֿריידן:



דאָרט הער איך מיר א „לעצטע נײַס"
פֿון עלטער-עלטער זיידעס;
איך זע אַ „שימי"-שאַרזש, וואָס שאַפֿט
אויף דר'ערד מיר דעם גַן-עֵדֶן…

דאָרט לעג איך אָפּ… אַ „גראַציע" טאַנצט,
וואַרפט מַמזֶריש אַנ'אייגל…
ס'זאָגט עמיצער אַ „פֿעטן" וויץ,
אַ צווייטער קײַט אַ בייגל,
אַ דריטער מַעלֶה-גֵרֶה'ט סתם,
און בַטֶל'ט, בײַסט די נעגל…

אָפֿט גריבלצט אויך פֿאַטעפֿאָן-מוזיק
און טוט די צײַט פֿאַרזיסן…
אזוי פֿאַרטרײַב די לאַנגווייל איך
אין הערלעכן געניסן…

- - - - - - - - - - - - - - -

ווער ס'האָט אַ לאַקרעץ-טרונק פֿאַרזוכט
דער קאָן דעם טַעם נאָר וויסן!…

אויף „אַנ׳אַרבעס-אָוונט״
אין אַ היימישער געזעלשאַפֿט
בײַ פֿר׳ פּ.ז.—ן
וואַרשע, 1925, 5 דעצעמבער

לכּבוד אַנאַרכיסט-קאָנווענט

(עקספּראָמט)

איינע חשוב'ע הערן און גנעדיקע דאַמען!
אײדער איר נעמט זיך צו די אַטראַקס,
באַפעט פריער אַריין איינס אַ טעלערל גראַמען,—

נאָר „ביטע אום רו",
הערט זיך גוט צו:

„איך האָב פֿאַרלאָזן אַלע ליבסטע"—
כ'מיין: די קינסטלער, ליטעראַטן,
גראַפֿאָמאַנען, פּסיכאָפּאַטן,
מיט די יאָלדן אָן קראַוואַטן,
מישטיינס-געזאָגטע „דעמאָקראַטן",
פֿלאָקן-שיסער, „דעלעגאַטן",
פּרנסים, שרייַער, דעפּוטאַטן
מיט זייערע קוואַטשן און דעבאַטן,
מיט די „טעזיס"-סוראָגאַטן
און בלוטאָרימע פּלאַגיאַטן,—

ח ג י

דאָרט אין „בטלנים-קלוב״, אויף טלאָמאַצקע,
געשלאָגן כּפּרות מיטן „סטעפּ״, דעם „יאַוואַ״ און די „קאָזאַצקע״
פֿון דער קאַרלינסקי'כע און פֿון נאָמבערג'ן, דער טענצער-„סטאַר״;
מוחל געווען אָן שום צער
די האַרציקע סביבה מיטן דזשענטעלמעניש „באָן-טאָן״...
געלאָזן די קאַצנמוזיק פֿון פּאַטעפֿאָן
מיט די הייזעריקע פּליטן;
דעם קלאַסישן בופֿעט מיט די כּמו-בוטערשניטן,
מיט די נישט-דערזאַלצענע שפּייזן
פֿון פּאַראַכטאָגן,
וואָס לייגן זיך נישט אויפֿן מאָגן,
מיט די איבערגעזאַלצענע פּרייזן,
וואָס לייגן זיך נישט אויפֿן שׂכל;
געלאָזט די פֿריילן דאָרע מיטן יאַפּאַנישן שמייכל,
די גאַרדעראָב-העלדין עדזשע מיט איר יאַגד אויף פּאַלטענס און קאַפּעלושן;
די געסט-מיידלעך אַלע, וואָס לאָקערן אויף „חופּה-וקידושין״;
דאָס „לעזע-שטיבל״ מיט די „מתּן-בסתר״-קושן...
די הויכווירדיקע פּיפּי, דאָס ליטעראַרישע קעצל,
וואָס נאַשט חכמה מיט מילך פֿון איין ברודיק טעצל,
און דינט וויבערלאָזע שרײַבער אַלס לאַסקעדיק „שעצל״...

געלאָזט דעם אימפּרעסאַריאָ יאַנקעלע, וואָס דער קלוב אָן אים
איז ווי א סוכּה אָן אַ פֿלאָקן, ווי אַנ'אַקטיאָר אָן גרים;





אביסל רכילות

דעם טעאַטער-העלד אַרנאָלד'ן, דעם באַרימטן „דירעקטאָר" ;
דעם „פֿליגן-כאַפּער" ריבאייזן, דעם קלובס „זיטן-אינספּעקטאָר"...
דעם חבר קלמן, דעם טעמפּעראַמענטפֿולן פֿראַנט ;
מאָרדכעלעס, דעם קאָכצרלעפֿל און „הויף-ליפֿעראַנט"
פֿון מיידלעך, טענצערקעס, פּורים-שפּילער און אַלץ וואָס אַמוזאַנט...
דעם קליינעם שטערן, וועמעס גרויסער ברודער
עסט מיטאָגן אויף אַנאָמת און שרייבט אויך לידער...
דעם „גזלן" לערמאַן, דעם שימי-מתמיד,
גרייט פֿאַר אַ טאַנץ לַהֲרוג וּלְהַשמיד ;
דעם „וואוילצניונג" קאַגאַנאָווסקי מיט די הויכע שטיבלעטן,
מיט אויגן תּמיד דורשטיקע, וואָס בעטן
א פּאַפּיראָסל, צי א נייע „ליבעס-געטין"...

געלאָזט לייזעראָוויטשעס שמד-שטיקלעך און „מתוק-מזופת'דיקע" וויצן ;
מעטראָפּאָליטאַנסקי'ס שאַרפֿזיניקע געדאַנקן-בליצן ;
משה אַפּעלבוים'ס זאַל-געמעלעכץ און „פּענזל-שפּריצן" :
די ווילדע קאַטשקעס און משוגע'דיקע פּיפּערנאָטער-סקיצן ;
ניימאַנ'ס צאַרטן ערד-באַריר אויף די פֿינגער-שפּיצן,
זיין פֿויגל-פּישטשעריי פֿון מיסטיק, לאָקש און דיבוק,
פֿון באַבע יאַכנעס שטערנטיכל, פֿון פֿאָלקסטימלעכן ליולקע-ציבעק...

געלאָזט דעם גרויסן שוואַלבע'ס פֿעלקער-ליגע-קאָמענטאַרן ;
סאָול וואַגמאַנ'ס „פּאַטעטישע" פּאַריזער-פֿיסלעך-מעמואַרן...
בערנאַרד זינגער'ס ריטערליכע אַעראָפּלאַן-געפֿאַרן.



ח ג י

מיט די בלאָפֿן פֿון סיים-בופֿעט און סיים-קולוואַרן ;
דעם געלען איינהאָרן — אַ ייִד שטאַרק נערוועאיש ,
היצט זיך וועגן „בונד“ , יִמַ״ש , וועגן ייִדיש און העברעאיש ;
דעם סאָלידן ד״ר גאָטליב — „געזאָנענע“ איירעפּעאיש ,
דינט „צִיוֹנס-זאַכע“ אָן פּנִיוֹת , ריין „אידעאיש“ ···
דעם שעף-רעדאַקטאָר גאָלדבערג אַברָהמ׳ל ,
אַ פֿיפֿיקער פּאַרשוין , דרייט ניש-קָשֶׁה׳דיק דאָס קרעמל ···
דעם צַדיק ר׳ הלל צייטלין מיט די בָּנים , וועמעס זכוּת׳ן
ס׳איז מֵגין אויפֿן קלוב פֿאַר אַלע זינד און אַלע שטוּת׳ן ;
דעם פֿולקאָווניק ד״ר מיזעס , אַ ייִד אַ פִּקח , קיין עין-הָרע ,
וואָס איז כּוֹרך צוזאַמען „קאַזאַרמע“ מיט „גמָרא“ ···
איטשעלע׳ס „פּאָליטישע שַבּת-קוגעלעך“ — קאַפּהענער אַ כַּפָּרה ! ;
דעם „פּרעהיסטאָרישן“ מֶלך ראַוויטש , וואָס קאָן נישט ציילן קיין צוויי ,
קומט שטיל ווי א הינדעלע , טוט ס׳גאַרטעלע אַ פֿאַרדריי ,
און לייגט — אַנ׳איי ···

געלאָזט דעם שמייכלענדן פּערלע , וואָס זוכט אַ שיקסע אַ נעטע
אַלס טעמע פֿאַר אַ נַייע נאָוועלע אַ פֿעטע ;
דעם מאַעסטראָ מאַסטבוימ׳ס אַרבעס-צום-וואַנט-קלעבעדיקע-רעפֿעראַטן
וועגן בעטהאָווען , ניטשע , שאָפּענהויער און אַנדערע יאַטן ;
דעם געניאַלן קאַווא מיט זיינע „פּיטשי-פּוי“-ציטאַטן ,
זיין לאַשצען און צערטלען דעם זוים פֿון אַ קליידל ,
וואָס קלעקט אויף א יאָר אים אַלס „געגנוס“ , בּמקום מיידל ···

אביסל רכילות

געלאָזט דעם „באָסיאַק״ מאַרקיש מיט זיין „איר זעט א טשופּרינע?״;
סעגאַלאָוויטש דעם „גרויזאַמען״ מיט זיין „קריגערישער״ מינע,
דעם האָפּערדיקסטן צווישן דעם קלובּס גאַלאַגאַנסקע הענער,
וואָס פרוּווט פאַרטשעפּעט נאָר — און ס׳פּליען פּעטש ווי שפּענער ···
דעם מפונק טונקעלער, די איידעלע בּריאָה,
דערזעט אַ נאַש ווי ווײַט, טראָגט זיין שוואַכער ראִיה,
וואָרום — זאָגט ער — מַה יִתרון לַגֶבֶר? וואָס איז א געלַקחֶנטער וויץ פאַר אַ מציאָה,
אויב נישט דאָס ביסעלע אַכילה ושתִיָה? —

געלאָזט דעם גרעק קאַרלינױס, אַ איבּערבּלייבּעכץ פון אַלטע צײַטן;
דעם שאַ-שטילן אַברהם זאַק — אַ מענטשל „צו גאָט און צו לײַטן״;
דעם „פּאָד-דיקטאַטאָר״ פון „מאָמענט״, דעם חָתן-בָּחור פּראָפּוס;
נַחמן מייזל׳ען, דעם פריש-געבּאַקענעם ליטעראַטור-אֶפּיטרוֹפּוס;
דעם „צוואַניאַק״ י. זינגער מיט די „אַמעריקאַנער גליקן״,
וואָס בּײַט אויף פָּשוטן „קופּער״ זיינע „פּערל״-אַנטיקן ···
קאַציזנע׳ס צום סופּיט פאַרגלאָצטע קאָזע-בּליקן;
דעם „אַברֵך-מְשִי״ העפּטמאַן, וואָס וויל געפינען אַ תִּיקון
פאַר די נודנע, בּלוטאָרימע „הַיוֹם״-רובּריקן
אין גימַטרִיאות און נוטרִיקין;
דעם „בַּעל-הַטוּרים״, וואָס פאַרשטעקט אין אַ ווינקל מיט זיין לירע
טראַכט ער און זוכט פאַרן „פֶּרֶק-שירָה״,
שטיל און באַשיידן אִזוי,
אַ גראַם צו — פְּלוי ···



געלאָזט דעם ד״ר גליקסמאַן מיט זײַן „אער מיר גוטס גינט״-גראַציע,
(לויט פֿרויד׳ס עראָטיש-פּסיכאָאַנאַליטישער סעקסואַליזאַציע···) ;
כיל׳נאָוויטש׳עס „מַגידות״ און זשורנאַליסטיק-אימיטאַציע ;
דעם הומאָריסט גאָלדשטיין, אויף וועמעס פָּנים מען קאָן לייענען
דעם צַער פֿון אַלע דורות, — אַז ס׳ווילט זיך וויינען, וויינען···
דעם מאָלער ליכטענשטיין, וואָס איז מַמָש מיט צוויי כּתָרים :
אַ פֿעדער, וואָס שמירט בילדער, און אַ פּענזל, וואָס קאַלעטשעט מַאמָרים;
דעם „רעדאַקטאר״ גראַפֿמאַן מיט די באַרימטע „צום פֿאָלק מאַניפֿעסטן״;
דעם ליטוואַק משה זילבורג מיט זיינע טַענות און פּראָטעסטן
צו די יִדישע רעדאַקציע-לײַט און פֿאַרלעגער, בַּאֲשֶר
זיי ווערן משוגע נִתעַשֵר !
דעם „לַמדן״ נירענבערג׳ן, קוטשער׳ן — דעם קלובס „אינטעליגענץ״ ;
ד׳ שאַך-בַּטלָנים הימעלפֿאַרב, קרעמער, באָרנשטיין און די איבריקע ש···

געלאָזט ר׳ מנחם-מענדל׳ען, דעם מֶלך פֿון די „דגושים״,
וואָס קנעלט מיט חֶברה „קָמץ-אַלֶף״, מַמָש חִדושים ;
די צַדֶיקת מָרת קלאַרע מיט די „ל״ב פֵּירושים״···
דעם באַנקיר הערשעלע, וואָס „טאַפּט נעבעך אַ וואַנט״ ;
דעם מעצענאַס קיפּניס מיט זיין וואַרעם האַרץ און ברייטע האַנט;
זִמרה זעליגפֿעלד מיטן פּעקל אָפּגעשלאָגענע הוֹשַענות :
די „אַבַרַמ׳ס״, די „יאָשקעס״ און די „בריינע׳ס״ ;
דעם מוזיקער שנֵיאור מיט זיין סימפֿאָנישן כראָפּן
אָלאַ טשייקאָווסקי און אַלאַ שאָפּן.

ד״ר א. גליקסמאַן

ז. שנֵיאור

ד״ר. ל[illegible]ער

אביסל רכילות

געלאָזן די דאָן-קישאָט'ס פֿונם געסל, די חכמים, די אויפֿגעקלערטע:
דעם חבר מיכאַלעוויטש, דעם „בונד'ס „גראָבע בערטע";
דעם פּ"צ'איש זרובבֿל, אין „רויט-בלויעף" טלית;
דעם כוואַט יאַנקעלע פּאַט — „דאָס מערכצן פֿיר אַלעס"···
דעם מיניסטער ד"ר זילבערפֿאַרב, דער קהלישער צאַפּ,
פֿאָרט אַהין און אַהער — „דאָ אַ כאַפּ, דאָרט אַ לאַפּ"···
דעם „אינדיאַנער" אייסעראָוויטש — אַ מענטשל אַ טשיקאַווע:
טוט אַ שפּאַציר זיך, למשל, דורך דער „דזיקע", צי דורך „פּאַווע"
און בריִעט מעשׂיות וועגן הדו, וועגן כּוש און אינזל יאַווע···
דעם „הויף-לץ" שעפֿנער — אַ ממזרניק אַ יונג,
האַקט אַריין א טוץ ציוניסטלעך מיט איין שלונג;
דעם חבֿר גילינסקי מיט זיין זעלנעריש-בונדיסטישער עטיק,
אויסגעהאַלטן לויט אַלע כּללים פֿון „שעזשפּוטאָווסקיס אַריפֿמעטיק"···
דעם „שול-טוער" מענדעלסאָן, וואָס איז תּמיד עוסק, כּסדר „טעטיק",
וואָס שמייעט, האַוועט, לויפֿט און ווערט נישט מיד,
אַ מין „שכנא דריי זיך — זאָל מען מיינען, ס'אַ יאַריד!"···

געלאָזן די „קאָנצעפּציע-לייט", די טויגעניכטסן און שלימזל'ס
פֿון די „סטודיעס", „דראַמאַטישע ווינקעלעך" און „אַזאַזעל'ס"
און געזעלשאַפֿטן פֿון „היעראָגליפֿן-קונסט-פֿאַרשפּרייטער":
דעם ד"ר לייפּונער, וואָס שטייט תּמיד אַ גרייטער
אַ טענצל צו כאַפּן, צי בלאָזן אין טורן-טראָמייטער;
דעם אומשטערבלעכן דוד הערמאַן, דעם כּל-יכול'דיקן בינע-לייטער
פֿון דראַמע, אָפּערע, קאַבאַרעט, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער···





חגי

בערלעווי'ן, וויינטרויב'ן מיט זייערע קוביסטיש—קובעבע-דעקאָראַציעס,
אַ געמיש פֿון בושמענער-סטיל און קאָזע-קאָמבינאַציעס ···
דאָס בֶּן-יָחִיד'ל גאָדיק מיט די פְּלֵאִי-פְּלָאִים'דיקע פֿראַנציסקאַנער-גאַס-קרעאַציעס״···
דעם „עקספערט״ אַפּענשלאַק, דער מבינות-זאָגער און יַדען
אין הִלְכות „סצענע״-דעקאָראַציע, פּיס-קאָנקורסן און קינסטלער-מאַסקאַראַדן···
דעם שאַלאַטן-שַמֶש פֿלאַקסער, אַ שאַכער-מאַכער אַ געניטער,
וואָס וואו צווייי, איז ער דאָרטן אַ דריטער···

געלאָזן ד״ר שיפּער'ס קילאָמעטער-לאַנגע דְרָשות,
געפּילט מיט אֲחַשְוֵרוֹש-שפּיל און היסטאָרישע חֲלָשות;
דעם ד״ר ווייכערט, דעם „לְשֵם-שָמַיִם'דיקן״ - אַרטיסטן-באַשיצער;
לעאָן פֿינקעלשטיין, דעם יונגן, דאָך נישקָשֶה'דיקן וואַסער-שפּריצער···
דעם „רוסקי טשעלאָוויעק״ זאַקס, דעם אויוונס-אונטערשטיצער;
מאַרק טורקאָוו מיטן מאָנאָקל — אַנ'עכטער „שוויצער״!
דעם „צס-טעטיקער״ אַראָנסאָן, דער אָראַטאָר און בַעל-לָשון;
דעם קינצלער טיקאָטשינסקי מיט זיין „באָרגט מיר 10 גראָשן״;
דעם לאַנגאָץ שפּיגל, דעם „עוֹג מֶלֶך הַבָּשן״,
מיט דער טעקע שֵמות און „אַשֶר-יָצַר״-בילעטן,
אויסשניטן פֿון מֶלֶך סאָביעסקי'ן און שטיקלעך אַלטע גאַזעטן···
די „אַרבייטסלאָזע״ ראַקאָווסקי, וואולמאַן, ראָזען,
וואָס, כ'לעבן, ווען מען וואָלט זיי נאָר דערלאָזן
כאָטש אַלס שעף-רעדאַקטאָרן אין „הייַנט״ צי אין „מאָמענט״,
וואָלטן זיי וויזן ערשט, וואָס הייסט גאוֹנות און טאַלענט!···



אביסל רכילות

געלאָזן די נאָבעלע געוויסנהאַפטע בלאָפער-באַנדע:
פיינקינדן, דעם הויפּט פון דער „טשייניק-האַקער"-קאָמאַנדע,
די ביבער'ס, די פּערעלמאַן'ס און אַלע „רירעוודיקע" פּרעסע-ריטער,
וואָס „פאַרזייען זאָל מען זיי געדיכט, און וואַקסן מעגן זיי שיטער"...

בקיצור, אַלע שלעק און ספּאָדיק-דרייער פאַרלאָזן במחילה,
די מאַכערס און די מלמדים אַפילו
פון „קולטור-ליגע", פון צ.י.ש.אָ. און פון „תרבות",
און אַהער אַהער געקומען — עסן אַרבעס!

און דערפון טאַקי איז אַ מוסר געדרונגען
פאַר אַלע מוידן און פאַר אַלע יונגען, —
אַ כפּרה „קונץ", אַ כפּרה ליטעראַטן,
אַ כפּרה „טעאַטער", אַ כפּרה רעפּעראַטן!
און פאַרשריבן זאָל עס ווערן אויפן קוימען:
אַז העכער פון שפינאָזע'ן, העכער פון בוימ'ן,
העכער פון אַרנאָלד'ן, פון אַנרי באַרביס —
איז אביסל געפעפערטע און געזאַלצענע אַרבעס!

טעקסט-שריפֿט, אויפֿן אָלימפּ (נאָך ערק),
הילע, וויניעטן—געצייכנט פֿון מחַבר

★

די פּאָרטרעטן — לויט די סקיצן פֿון
אַפּעלבוים, בערלעווי, גאָלדבערג,
פֿייגענבוים און פֿרידמאַן

זינקאָ-קלישן: צינקאָגראַפֿיע „גראַפֿיקאָן"
וואַרשע, מאַרשאַלקאָווסקע 131, טעל. 286-50

★

דרוק: י. הענדלער, דלוגע 26

★

בראָשירונג: ש. ל. רובינשטיין, דלוגע 43

DRUK. I. HENDLERA, WARSZAWA, DŁUGA 26

1,50 זל.

* PN 6231
J5 H3
1926
R017864